STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04152

LIDER

Morton J. Robbins

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. מאַרטאָן ראַבינס

לידער

Copyright, 1935,
by MORTON J. ROBBINS, Ph.G., M.D.
Nashua, N. H.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st St., New York
234

מיין

קלאַראָטשקען

אַ מתנה.

אינהאַלט :

אין שפּיטאָל 9
ווער קען דעם ווינט פאַרשטיין 11
דאָרטן 12
צו מיין פאָלק 14
ווי אַלט זיינט איר 15
מיין גרעסטער שונא 16
בירושה 18
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט 19
געדאַנקען 21
דער מערדער 22
איך פאַרגיב דיר דיין שולד מיין קינד 24
ווען 'אַזוי וואָלט געווען די וועלט 25
יוגנט מיינע 26
זיין שטיל מיין האַרץ 28
פאַרוואָס 33
אויפן פרישן קבר 35
אַ ביטערער אמת 37
די שבועה 38
צו דער התאחדות 39
צו דער אַנערקענונג פון מאַנדאַט פון ארץ ישראל 40
מיין פאַרמעגן 43
אַ בריוול 44
צו מיין חבר אין אַלבאַם 46
אויגן 47
על מות ביאַליק 48
צאתכם לשלום 49
מענדל ביילים 50
אלץ הייסט געדעדט 55
אַ קלאַגע 57

אַ פּעלץ מיט אַ פּאָר שטיוול 58
באַלטע 60
חנוכה 65
שמחת תורה 67
פּורים 69
פאַלענדע בלעטער 79
דער מענטשן שטראָם 81
אַ מאַמעס האַרץ 83
ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט 87
דעמבאָווע בלעטל 88
אַ מלאך 90
מיין פארלאנג 91
מיין הויז 92
אַן עפּיגראַם 93
אַ פאַרשלאָסענער 94

שטימונגען

אין שפּיטאָל

אין דער לאַנגער, שטילער נאַכט,
פול מיט היץ, און ווי אַ שטיין . . .
ליגט ער אויף אַ בעט — פאַרשמאַכט,
און ער רעדט צו זיך אַליין:

„מאָרגן . . . מאָרגן . . . און אַן עק,
מער קיין ליידן . . . שוין גענוג
קעמפן שווער, און אָן אַ צוועק . . .
גיכער, נאַכט, שוין, ברענג דעם טאָג!

ס'וועלן נאָענטע באַוויינען,
ווער אַ טרער און ווער אַ קרעכץ,
וועלן גיך זיך צוגעוואוינען:
אָבער זי . . . ווי גרויס דער שמערץ!

מיט יתומים, אַן אַלמנה,
אָרים, וועט זי נאָך מיר בלייבן,
אין מלחמה נאָך חיונה,
וועט זי דאַן די נויט פאַרטרייבן.

מיינע קינדער, אָן אַ טאַטן,
וועלן וואַקסן אין די גאַסן . . .
פרעמדע מענטשן . . . וועלן ראַטן,
ווי צו מאַכן זיי געלאַסן.

האַר פון וועלטן, כ'מוז דיר זאָגן:
איך דאַרף לעבן צוליב זיי . . .

גיב מיר כח — איבערטראָגן —
נאָטעניו — אוי ווי . . . אוי, ווי . . .

* * *

און אויף מאָרגן שוין אַ צווייטער
אויף זיין בעטל דאָרטן ליגט,
און אויך ער צום טויט אַ גרייטער . . .
פון געדאַנקען ווערט דערשטיקט.

ווער קען דעם ווינט פֿאַרשטיין

ווער קען דעם ווינט פֿאַרשטיין,
און געגן איםביישטיין?

איך הער —
אַט קלאַפּט ער אין מיין טיר,
און שרעקט דאָס הארץ אין מיר.

איך קלער —
וואָס וויל דער ווינט
פון מיר אצינד?

איך שווער —
ער גיט מיר אָנצוהערן,
ער קען אַ וועלט צעשטערן!

אָ, ווער? —
ווער קען דעם ווינט פֿאַרשטיין,
און געגן אים ביישטיין?

ד״ר. מ. ראַבינס

דאָרטן

דאָרטן . . .
וואו קיין מענטש האָט ניט געטראָטן . . .
וואו קיין שלעכטס איז ניט געשען:
דאָרטן וועל איך דיך דערוואַרטן,
דאָרטן, וועלן מיר זיך זען!

דאָרטן . . .
וואו די הימלען זיינען ריינע,
די לבנה אַזוי לאַכט,
דאָרטן, וואו די זון אַ שיינע,
אייביק שיינט, ניטאָ קיין נאַכט!

דאָרטן . . .
וואו קיין בלוט איז ניט פאַרגאָסן,
וואו עס מאַכט ניט: אָרים, רייך,
וואו קיין מויל איז ניט געשלאָסן . . .
דאָרט וואו יעדער מענטש איז גלייך!

דאָרטן . . .
וואו קיין מורא כ׳האָב צו זאָגן
וואָס איז מיאוס און וואָס איז שיין,
ווייל דו איינע וועסט מיך הערן
און נאָר דו קענסט מיך פאַרשטיין!

דאָרטן . . .
וועל איך דיר דערציילן,
אַלץ, וואָס איך האָב געזען,

צוועלף

קיין געשעעניש פאַרפעלן:
דו וועסט קלאָרער דאָן פאַרשטיין.

אַז דאָס לעבן איז ניט מערער,
ווי אַ לאַנגע, שוואַרצע נאַכט!
ביזטו ערלעך — פיל מער, שווערער,
ווערט דיר דאַן די „לעבנס שלאַכט" . . .

טאָרסט צו גוטס גאָר קיינמאָל שטרעבן,
רויב און נאַר, סיי גרויס, סיי קליין,
טאָמער ווילסטו „אַנדערש" לעבן —
בלייבסטו דאַן אין „שלאַכט" אַליין!

אָ, ווי שווער עס איז און איינזאַם,
אין דער שרעקלעך־שלעכטער וועלט,
קום אַהין . . . ניט זיי מער לאַנגזאַם . . .
„דאָרטן" . . . שטעל איך אויף מיין צעלט!

דר. מ. ראַבינס

צו מיין פאָלק

אָ, ווי שטאַרק, ווי גיך, ווי שווער
עס קלאַפּט מיין האַרץ אין מיר,
פון די אויגן, טרער ביי טרער,
גיסט זיך אָן אַ שיעור.

* * אויף מיין פאָלקס „מאָראַליש" זינקען,
אויף דעם וויין איך איצט און קלאָג,
וואָס אין שלעכטס טיף איינגעטונקען,
ווערט מיין פאָלק פון טאָג צו טאָג !

אויף דעם „יאוש", וואָס האָט גרויזאַם
זיך פאַרשפּרייט איבער מיין פאָלק,
און דורך „זעלבסט־מאָרד" לאַנגזאַם, לאַנגזאַם,
וועט גיך אונטערגיין מיין פאָלק.

אָ, ווען מעגלעך וואָלט געווען,
אַז דעם מענטשנס קוואַל פון טרערן,
ווי דאָס „וואַסער" פון דעם „שטיין"
גיסן זאָל זיך ניט אויפהערן.

איך וואָלט דאַן אין מיינע טרערן,
שנעל מיין אייגן פאָלק דערטרונקען,
איידער צוזען ווי גערן
עס ווערט פון טאָג צו טאָג געזונקען ! . . .

ווי אַלט זיינט איר?

אויב איר דענקט איר זיינט שוין אַלט,
פילט צו יעדער זאַך שוין קאַלט . . .
אַלץ ארום קוקט אוים גאַנץ שוואַרץ,
צו „ליבע״ . . . קאַלט איז אייער האַרץ,
ווילט צו שענערס גאַר ניט שטרעבן,
נמאס איז אייך אייער לעבן,
מעג ווי יונג זיין דער געשטאַלט —
יאַ, זייט זיכער, איר זיינט אַלט!

אויב אָבער איר האָט נאָך מוט,
און עס ברויזט ביי אייך דאָס בלוט,
„ליבע״ וועקט ביי אייך געפילן
שווער דעם „חשק״ איינצושטילן,
אַלץ ארום איז העל און קלאָר —
מעגן גרוי שוין זיין די האָר
און גאַנץ לאַנגזאַם אייער שוואונג . . .
יאַ, זייט זיכער, איר זיינט יונג!

דר. מ. ראַבינס

מיין גרעסטער שונא

מיין גרעסטער שונא, ביזטו שפּיגעל!
כ'האָב דיך פיינט פונקט ווי דעם טויט!
איך וואָלט וועלן דיך צעברעכן —
דאַרף איך דיך אַמאָל, אין נויט . . .

דו דערמאָנסט מיך — איך ווער עלטער.
צייגסט מיר מיינע גרויע האָר,
ווייזט מיר אָן אויף מיינע קנייטשן —
מאַכסט מיך פאַר אַן אַלטן נאַר.

אָן דיר וואָלט איך לעבן גליקלעך,
כ'וואָלט גע'חלום'ט פון א „יוגנט".
איך וואָלט אזוי מיר אָפּגעלעבט שוין,
מיט מיין שיקזאַל זיך באַנוגנט.

שטייסטו אָבער פאַר די אויגן,
און דו לאָזט מיך גאָרניט רוען,
דו דערמאָנסט מיך אין מיין עלטער
און דו ציילסט מיר מיינע שעה'ן . . .

איך וויים אַליין, איך ווער ניט יונגער,
איך האָב ניט מער מיין יוגנט־חן,
דאָך ווילט זיך „יונג" אַמאָל נאָך פילן . . .
צייגסטו מיר — כ'האָב פאַלשע ציין . . .

זעכצן

ווער האָט אויסגעטראַכט דיך, שפּיגל?
אָן דיר וואָלט געווען פיל גרינגער!
אָן דיר וואָלט איך קיינמאָל עלטער,
נאָר וואָס ווייטער — ווערן יונגער!

דר. מ. ראַבינס

בירושה

פּאַרוואָס, ווען עס ווילט זיך אייך שרייבן צי לייענען,
פאַרגלוסט זיך דאַן דוקא די קינדערלעך וויינען?
ווילט זיך אייך רוען און כאַפּן א דרימל —
פאַרגליסט „זיי" דוקא דאַן מאַכן א טומל.

בעט איר זיי רחמים, „קינדער, ניט זשומען!"
שרייען זיי העכער, און וואָס פאַר א שטימען . . .
קיין בייז אויג זאָל שאַדן, הערט נאָר געשרייען,
ממש עס הויבט אייך דער קאָפּ אָן צו דרייען!

ווילט איר, למשל, אַן ענין באַקלערן,
אָפּט, אַז איצט וועט אייך שוין קיינער ניט שטערן,
פאַרגלוסט זיך דעם „קליינוואַרג" דאַן קלאַפּן מיט כח,
ממש עס ווערט שיעור צעשפּאָלטן דער מח!

ווערט איר אין כעס שוין און ווילט זיי באַשטראָפן,
באַפעלט זיי גלייך גיין און לייגן זיך שלאָפן.
דאַכט זיך, ס'איז שטיל שוין, דער „עולם" אנשווייגן —
ערשט מ'מאַרשירט שוין, מ'לויפט אויף די שטיגן.

ווייסט איר פאַרוואָס אָט דאָס מוז זיין אזוי?
איך האָב דאָ א תירוץ פאַר אייך גאַנץ געטרוי:
ס'איז בירושה, פון אייך טאַקע אליין —
איר זיינט אַליין קינדער ניט בעסער געווען.

לידער

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט

ווען ארום איז שטיל און רואיק
און איך בלייב מיט זיך אַליין,
קיינער שטערט מיר ניט מיין דענקען —
קלער איך דאַן, איך וויל פארשטיין:

צוליב וואָס האָב איך פארשוועגדט
אזא לאַנגן, גרויסן טאָג?
און עס שווימט מיר אויף „פארצייטן"
פול מיט מאַטערניש און פּלאָג.

לוינט זיך דען דער גאַנצער אימפּעט?
האָב איך עפּעס וואָס געשאַפן? . . .
צי בין איך בלויז ווי די מערהייט,
גרייט דעם גאַנצן לעבן שקלאַפן? . . .

ס'כאַפּט מיך אָן א טיפער טרויער,
איך האָב מורא טראַכטן מער.
אָט די נאַכט מיט איר „שטילשווייגן",
מאַכט מיין לעבן אַזוי שווער . . .

מיין געוויסן מאַנט א חשבון,
שעה'ן לאַנג איך זיץ און טראַכט,
און עס עגבערט מיר דער מוח —
ביז עס גייט פארביי די נאַכט.

ניינצן

דר. מ. ראַבינס

און מאָרגן — נאָך אַ טאָג פאַרשוואונדן,
עפּעם אויפגעטאָן ? אַ, ניין ! . . .
וואָס זשע לוינט דער גאַנצער טומל ?
אפשר גאָר ניט ווייטער גיין ? . . .

געדאַנקען

וואו זיינען די יאָרן פון טרוימען און האָפן?
ווי מוטיק, ענערגיש איך בין דאן געווען!
וואו זיינען די יוגנט־חלומות פארלאָפן?
גלייך ווי כ׳בין קיינמאָל גאָר יונג ניט געווען!

חלומות פון „צוקונפט״ מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט,
געקוקט אין די אויגן דעם לעבן, אָן שרעק —
פון יעטוועדער שטערונג זיך בלויז אויסגעלאַכט,
צו „שענערס״ און „העכערס״ געשטרעבט אָן אַן עק!

און וואָס איז געוואָרן פון „הייליקן״ טרוים?
געבליבן א „חלום״. עס לוינט מער ניט שטרעבן;
פון קליינינקן „ביימל״ — געוואָרן א „בוים״...
עס פעלן די „צווייגן״... וואָס לוינט אָן זיי לעבן?

דר. מ. ראַבינס

דער מערדער

אין גאַס
איז די זון שוין פאַרשוואונדן גאַנץ לאַנג,
בלאַס
איז איצט אַלץ — קיין לעבן, קיין קלאַנג!

אוועק
פון דער שטאָט, אונטער שלאָס און באוואַכט,
אין שרעק
דאָרט פאַרברענגט ער אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט.

אַליין
דאָרטן זיצט ער, דערשלאָגן, אָן מאַכט,
אַ שטיין
איז זיין בעטל, ער ליגט דאָרט פאַרשמאַכט.

זי האָט
אים פאַרשפּראָכן אַן אייביקע טריי־הייט,
ער האָט
איר געגעבן זיין „איך" און זיין „פרייהייט".

באַלד
אָבער איז אַן אַנטוישונג געקומען . . .
קאַלט
האָט ער דאַן זיין נקמה גענומען . . .

צוויי און צוואַנציק

און איצט
ניט איר טויט, וואָס עס קימערט אים דאָרט —
פֿאַרלעצט
איר פֿאַרשפּרעכן! ג׳האַלטן קיין וואָרט!

און ער
אַזוי ערלעך אין איר זיך פֿאַרטרויט!
שווער
איז זיין לעבן — פיל ליבער דער טויט!

דר. מ. ראַבינס

איך פאַרגיב דיר דיין שולד, מיין קינד!

דו האָסט געזאָגט, אַז דו ליבסט מיך,
און האָסט פאַרגעסן אַזוי גיך,
וואו ביזטו, געליבטע, אצינד?
דו האָסט געזאָגט אַז אָן מיר,
וועסט גאָר קיין לעבן זיין פאַר דיר, —
גאָט וועט ניט פאַרגעבן דיין זינד!

דיינע געדאַנקען, די ריינע . . .
דיינע צוויי אויגן די שיינע,
זיינען קאַלט געוואָרן געשווינד.
דו האָסט ביים לעבן געשוואוירן, —
און איצט האָב איך דיך פאַרלוירן —
גאָט וועט ניט פאַרגעבן דיין זינד!

האָסט געזאָגט איך בין דיין לעבן,
און האָסט א שבועה געגעבן,
אַז דו ליבסט מיך פונקט ווי אַ קינד.
דו האָסט מיך פשוט אָפּגענאַרט,
מיין צער, מיין ליבע, דיך ניט אַרט —
גאָט וועט ניט פאַרגעבן דיין זינד!

אָבער מיין גלויבן אין דיר,
איז ניט פאַרגאַנגען פון מיר —
גאָט וועט ניט פאַרגעבן דיין זינד!
דו בלייבסט אויף אייביק מיין לעבן . . .
איך וועל שטענדיק צו דיר שטרעבן —
איך פאַרגיב דיר דיין שולד, מיין קינד!

פיר און צוואַנציק

ווען אַזוי וואָלט געווען די וועלט

אויב דו טוסט אַ טובה ווען,
פֿאַרגעס דאָס באַלד, ווי ניט געשען!
געדענק ניט אַלע לויב־געזאַנגען
וואָס דורך „טובֿות״ האָסט געפֿאַנגען.
טו בלויז גוטס, דערוואַרט קיין דאַנק,
און זאָל דיר קיינמאָל ניט טאָן באַנג . . .
און טאָמער הערסטו, פּונקט פֿאַרקערט,
מ׳שילט דיך גאָר, ניט זײַ געשטערט.
ניט טראָג קיין כעס, קיל אָפּ דײַן בלוט,
פֿאַרגיב זײַ באַלד — עס לוינט זיך ניט!

נאָר אויב אָבער אַ „טובֿה״ היינט,
עס טוט פֿאַר דיר אַ מענטש — אַ פֿרײַנט,
געדענק, און גיב אים לויב־געזאַנגען״,
באַזינג זײַן „טאַט״ מיט הימל־קלאַנגען . . .
און אויב אַ „טובֿה״ זאָגסטו וועמען,
זאָלסטו קיינעם ניט פֿאַרשעמען.
האַלט דײַן וואָרט און טו דײַן פֿליכט,
וואַרט ניט ביז דײַן פֿרײַנט דיך זוכט.
געפֿין אים דו, און העלף אים גיך,
און זוך קיין לויב, קיין דאַנק פֿאַר זיך!

דר. מ. ראַבינס

יוגנט מיינע:

יוגנט מיינע, רייד צו מיר!
יאָ, דו פעלסט מיר שטאַרק אַצינד!
וואָס אַנטלויפסטו גיך, פון מיר?
ניט פאַרלאָז דיין אָרים קינד...

דאָס בין איך, דיין אַלטער פריינט,
וואָס אַמאָל געקערט כ'האָב וועלטן...
וואָס געלעבט כ'האָב בלויז מיט „היינט",
און געבויט אין הימל צעלטן...

וואָס, מיין פריינט, דערקענסט מיך ניט?
עפּעס קוק איך אויס צו אַלט?
וואָס — צו לאַנגזאַם — מיינע טריט?
דו דערקענסט ניט מיין געשטאַלט?

יוגנט מיינע, דאָס בין איך!
דו געדענקסט וואָס פאַר אַ העלד?
דו געדענקסט ווי פלינק, ווי גיך
איך האָב געקעמפט אין ליבע־פעלד?

דו געדענקסט ווי איך פלעג זינגן,
אין דער ליבע־שלאַכט אַליין?
מיט איין „ראָמאַן" זיך ניט באַנוגן...
אַ האַרץ האָב איך ג'האַט פון שטיין...

קוק מיך אָבער אָן אַצינד!
אַלט, צעבראָכן און אָן ציין...

זעקס און צוואַנציק

הילפלאָז, בין איך, ווי אַ קינד,
עלנט אין דער וועלט, אַליין.

כ'האָב ניט מער קיין כח צו שטרעבן . . .
איך בין מיד פון צופיל לעבצן.
אָן דיר ,יוגנט, לוינט ניט לעבן !
מאַך אַ סוף צו מיינע שמערצן.

ד״ר. מ. ראַבינאָוויטש

דר. מ. ראַבינס

זיי שטיל מיין האַרץ

זיי שטיל, מיין הארץ, ניט וויין!
ניט מערק גאָר יענעמס שמערץ . . .
ווי יעדער הארץ — זיי שטיין!
ניט אַרן זאָל דיר שלעכטס . . .

זיי שטיל, מיין הארץ! קיין רייד!
נעם אַלץ צו גאַנץ גרינג.
ניט זאָרג, ניט קלער! בלויז פרייד.
זיי לוסטיק, טאַנץ און זינג!

זיי שטיל, מיין הארץ, ניט קרעכץ!
דו קאָנסט ניט מאַכן בעסער . . .
בלייב רואיק! שאַ! ניט לעכץ —
די „אומרעכט" ווערט אַלץ גרעסער.

אַודאי האָסטו רעכט:
די „מענטשהייט" איז ניט גוט,
דאָס לעבן — ביטער, שלעכט,
מ׳באָדט זיך בלויז אין בלוט . . .

נאָך וואָס אָבער דיין זאָרגן?
וואָס וועט דיר העלפן קרעכצן?
ווי היינט, אַזוי אויך מאָרגן,
וועלן אָנהאַלטן די „שמערצן" . . .

טויט איז דער „געוויסן",
יושר — לאַנג געשטאָרבן,

אַכט און צוואַנציק

דעם „אמת" — וועך וויל וויסן?
די „מענטשהייט" איז פאַרדאָרבן.

זיי שטיל, מיין האַרץ! די וועלט איז בלינד . . .
מ'וויל דיך ניט פאַרשטיין . . .
אויב דו זוכסט אַ טרייסט אַצינד,
קום, לאָמיר ווייטער גיין . . .

נאַציאָנאַלע לידער

פאַרוואָס?

(געווידמעט די דייטשע אידן)

פאַרוואָס שווייגסטו, הימל שיינער?
צי דען זעסטו ניט די טרערן?
פאַרוואָס וואַרפסטו ניט מיט שטיינער,
אַז דער אומגליק זאָל אויפהערן?

און פאַרוואָס, איר זונען־שטראַלן,
אַזוי שטאַרק די אויגן רייצן,
ווען דאָס בלוט, אַזוי ווי קוואַלן,
וועט די ערד שוין באַלד פאַרפלייצן?

און פאַרוואָס, איר שיינע שטערן,
אויך נאָך איצט איר שיינט ווי פונקען,
ווען מיט בלוטיק־שווערע טרערן,
ווערט די ערד שוין באַלד פאַרטרונקען?

און איר, ימים, און איר, וועלדער,
פאַרוואָס בלייבט איר רואיק שטיין?
פיל מיט קברים אַלע פעלדער,
לעבן — גלייך ווי ניט געווען . . .

נו, און דו, גאָט, שעמסט זיך גאָרניט,
מיט דיין ריזיק־גרויסער מאַכט?
וואָרום מאַכסטו שוין אַ סוף ניט
צו דער לאַנגער, שוואַרצער נאַכט?

דר. מ. ראַבינס

דיינע אידן ווי קרבנות
ווערן אויסגעשאָכטן גיך,
צי דען ביזטו מער ניט מקפיד
אויף דיין „נאָמען", אויף דיין „איך"?

קוק אַראָפּ איצט פון „דיין הימל",
צו די צרות מאַך אַן עק,
זאָל שוין זיין אַ סוף צום טומל . . .
וואַש דיין „נאָמען" ריין פון „פלעק"!

פיר און דרייסיק

אויפֿן פרישן קבר

(צום יאָרצייט פון יפויער קרבנות, מאַי, 1922.)

אַ יאָר, ווי איין טאָג, איז פון דאָן שוין פאַרגאַנגען,
חברים — איר זיינט ניט מיט אונדז.
דאָס האַרץ, די נשמה, אַ טרייסט זיי פאַרלאַנגען —
דער גייסט אייערער, לעבט צווישן אונדז.

ווי אמתע העלדן — גבורים געפאַלן,
איר זיינט פון אַ בלוטיקער שווערד
אומדערוואַרט זיינט איר פון שונא באַפאַלן,
אויף אונדזער הייליקער ערד.

איר האָט פאַר אַ קרבן דעם גוף און דאָס לעבן
געגעבן צום הייליקן לאַנד,
איר זיינט ניט געשטאָרבן, פאַר אונדז בלייבט איר לעבן,
און קעמפן מיט אונדז האַנט אין האַנט.

מיר וועלן פיל שטאַרקער, ווי פריער ,איצט שטרעבן
ניט ווערן צו שפּאָס און צו שאַנד,
מיר זיינען אויך גרייט אונזער גוף, אונזער לעבן
צו ברענגען פאַרן הייליקן לאַנד!

מיר בעטן און האָפן, אַז ניט דורך מלחמה
זאָלן מיר קריגן דאָס לאַנד,
נאָר אויב עס איז נויטיק, איז גרייט די נשמה —
באַקעמפן די שטערענדע האַנט . . .

דר. מ. ראַבינס

שלאָפט רואיק, איר העלדן, גבורי ישראל!
איר האָט זיך פאַרדינט דעם גן עדן,
זייט זיכער, אַז אונדז וועט מיט ארץ ישראל
קיין שונא ניט קענען צעשיידן.

זעקס און דרייסיק

אַ ביטערער אמת

עס פרעגט מיך מיין חבר פון יענער זייט ים:
„וואָס הערט זיך ביי אייך דאָרט, אין גרויסן תהום?
וואָס מאַכן די אידן, ווי לעבט זיך זיי דאָ?
ס'זיינען פּאָגראָמען ביי אייך פאָרט ניטאָ."

— יאָ, חבר, שרייב איך אים, ס'איז ריכטיק אַזוי.
ס'זיינען פּאָגראָמען ניטאָ דאָ געווי...
ניטאָ דאָ קיין היטלערס, ניטאָ קיין פּעטליורעס,
מיר זיינען אויך אבער ניט זשעדנע קיין צרות!

אַ שונא־ישראל, אַ מעקפּאַדן האָבן מיר,
ס'איז צו זיין שנאה, קיין עק, גאָר קיין שיעור,
פאַר לערנען אויך מאַכט מען אַ „נאָרמאַ" דאָ גאָר,
און נייע גזרות אַ יאָר נאָך אַ יאָר.

און די אַלט־נייע פראַגע אויך דאָ ווערט געשטעלט,
ביז וואַנען אַזוי וועט זיך פירן די וועלט?
און אַן אַלט־נייער תירוץ דערצו איז פאַראַן —
אין אַן אייגענער לאַנד, דאַרפן אידן נאָר זיין.

ד״ר. מ. ראַבינוס

די שבועה

אַ מתנה די ציוניסטן פון ניו־ענגלאַנד.

חברים, מיר האָבן אַ שבועה געגעבן,
פונקט ווי גאַנץ לאַנג — נאָך אַ מאָל,
ווען אונדזער פאָלק איז געוואָרן פאַרטריבן
פון הייליקן ארץ ישראל.

מיר האָבן געשוואוירן ביי הימל און שטערן
און ווידער גענומען אויף זיך,
מיר זאָלן קיין ציון וואָס גיכער זיך קערן,
און בויען אַ היים דאָרט פאַר זיך.

מיר האָבן, ביי אַלץ וואָס איז הייליק, געשוואוירן
צו קעמפן אויף לעבן און טויט,
קיין איינציקע שעה זאָל ניט גיין פאַרלוירן,
מיר זאָלן ב׳הערשן די נויט.

מיר זאָלן דעם גלות פאַרלאָזן וואָס גיכער,
און אויפבליען זאָל אונדזער לאַנד,
ס׳איז מער קיין חלום, איך בין אין דעם זיכער —
גענוג שוין צו ליידן אונדז „שאַנד״!

צו דער התאחדות

(אַ מתנה דעם ברענטש 4 צ"צ אין נויאָרק)

צוויי יאָר, ווי איין טאָג, איז פון גרינדונג פאַרגאַנגען,
און זעט נאָר, חברים, מיר שניידן שוין זאַנגען!
מיט עטלעכע „קעמפּער" אַרוים אין דער „שלאַכט" . . .
און היינט — אַן „אַרמיי" שוין, אַ גאַנץ שטאַרקע מאַכט!

מיר ווען דעם „ציל" איצט אויף זיכער דערגרייכן,
באַזייטיקן אַלץ, וואָס נאָר פּרוּווט אונדז צעברעכן.
מיר זיינען שוין „זיגער", ס'איז מער ניט קיין חלום,
די „שונאים", זיי גלויבן ניט, בעטן דאָך שלום.

מיר האָבן אַ נאָמען פאַרדינט זיך אַ שיינעם,
מיט ביטערן „קאַמף", נאָר מיט „אמת" אַ ריינעם!
איצט, ברודער, צו מעשים, צו אַרבעט, צו אַחדות,
הידד! עס זאָל בליען — עס לעבט די התאַחדות!

דר. מ. ראַבינס

צו דער אַנערקענונג פון מאַנדאַט אויף ארץ ישראל

שוין אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך,
זיינען אידן — מיר אצינד,
אנערקענט פון אָרים, רייך —
פון דעם פעלקער־בונד אַ קינד!

כאַפּ זיך אויף פון גלות־שלאָף,
אידעלע, און בילד דיין לאַנד!
ס'איז שוין צייט . . . הער צו דעם רוף,
וואָס טראָגט זיך מיט אַ שטאַרקן קלאַנג!

גענוג שוין, גלותניק, גענוג —
ליידן טויט־שרעק, צרות, שאַנד!
גענוג תענתים, גענוג שוין „קלאָג",
גיי צוריק אין אייגן לאַנד!

דאָרטן וועסטו ווידער בליען,
פאַר דער מענטשהייט ברענגען גליק,
דאָרטן וועסטו זיך אָפּרוען . . .
וועסט דאָרט ווערן „גרויס" צוריק!

פערציק

בלומען

מיין פאַרמעגן

מיין פרוי אַ מתנה

א מאַיאָנטיק איך פאַרמאָג,
ווער דען קען זיך צו מיר גלייכן?
ניט קיין פערל, ניט קיין גאָלד,
איך בין רייכער פון דעם רייכן!

כ׳האָב קיין שיפן, כ׳האָב קיין גיטער,
כ׳האָב קיין טייכן, אויך קיין וועלדער,
כ׳האָב קיין הייזער, כ׳האָב קיין קראָמען,
כ׳האָב קיין גערטנער, אויך קיין פעלדער.

דאָך, איז קורח בלויז אַ קבצן,
מיט זיין זילבער, גאָלד, פּאַלאַצן,
ווען צו מיר איר ווילט אים גלייכן —
מיין פאַרמעגן, ווער קען שאַצן?

ווען אַ וועלט איר זאָלט אויספאָרן,
נישטערן סיי נאַכט, סיי טאָג,
אסור, צי איר קענט געפינען
נאָך אַזוינס וואָס איך פאַרמאָג.

יאָ, דאָס ביזטו מיין געליבטע,
ווער דען וואו איז צו דיר גלייך?
אַ „פאַרמעגן" ביזטו ליבסטע:
איך בין גליקלעך! איך בין רייך!

דר. מ. ראַבינס

אַ בריוול

מיין מאַמען אַ מתנה.

אין קליינעם שטיבעלע, ווייט — דאָרט, —
וואָס פאַלט שיעור איין פון ווינט,
לייענט מיין מאַמע, וואַרט ביי וואָרט,
אַ בריוול פון איר קינד.

וואַכנלאַנג זי קוקט ארויס,
וויינט, ווערט שיעור ניט בלינד,
און דאָס חיות גייט איר אויס —
„וואָס מאכט דאָרטן מיין קינד?"

„טאָג ווי נאַכט אין ארבעט־יאָך,
אָרים, פרעמד, אליין,
ווײַ, דער מאַמען, עלנט דאָך,
ביסטו ווי אַ שטיין."

מיט אַ מאָל אַ גרויסער טרער,
פון מיין מאַמעס אויגן,
קייקלט זיך ארונטער שווער,
אויפן ווייסן בויגן.

פון גרויס פרייד מיין מאַמע וויינט,
שלינגט די הייסע טרערן,
טויזנט מאָל מיין בריוו זי לייענט,
קען גאָר ניט אויפהערן.

פיר און פערציק

לידער

אונ ווײַטער לויפן וואַכן 'שווינד.
מײַן מאַמע וויינט אונ וואַרט —
אויף אַ בריוול, — פון איר קינד
טאָג ווי נאַכט זי טראַכט.

פינף און פערציק

דר. מ. ראַבינס

צו מיין חבר אין אַלבאָם

י. ש. אַ מתנה

חבר מיינער, זייער ג׳ערטער,
וואָס זאָל איך דיר איצט דאָ שרייבן?
צי דען קען איך, דורך ווערטער
אונדזער חברשאַפט באַשרייבן?

דו ביזט מיר דאָך ווי אַ ברודער,
פיל נאָך ליבער, פיל געטרייער.
איך בין איצט שוין מיט דיר ווידער —
אָ, ווי ליב דאָס איז און טייער!

אַזאַ צייט פון דאַן פאַרלאָפן,
זינט מיר זיינען זיך צעגאַנגען,
איצט, — מיר האָבן זיך געטראָפן, —
בעסערס קען איך ניט פאַרלאַנגען.

לאָמיר גלויבן, לאָמיר האָפן,
מער שוין קיינמאָל זיך צעשיידן,
אַז מיר האָבן זיך געטראָפן
לאָמיר לעבן איצט אין פריידן.

אויגן

אַ מתנה מיין פרוי צו איר געבורטסטאָג

וואָס מער איך קוק אין אייך טיפער אריין,
אַלץ מער דערזע איך: צוויי שטערן — מיין שיין!

ווען אַלץ ארום מיט אמאָל אזוי פרעמד ווערט,
און גלייך ווי גאָר קיינמאָל פארמאָגט איך האָב אַ פריינט,
ווי גליקלעך איך פיל דיין, וואָס מיר איז באַשערט,
אייך האָבן, צוויי שטערן — מיין וועג איר באַשיינט!

אַ שיין, אַזוי בלוי, ווי דער הימל אַליין:
פון צוויי, וואָס מאַכן מיין לעבן גאַנץ זיס,
פון צוויי, וואָס לאָזן ניט פילן מיך קליין,
פון צוויי, וואָס זאָגן מיר: „לעב און געניס"!

פון צוויי, וואָס שאַפן מיר פריינטשאַפט און טרייהייט,
גרייט זיך צו טיילן מיט פרייד און מיט נויט,
פון צוויי וואָס שאַפן מיר ליבע און פרייהייט...
וויליק צו ליידן מיט מיר ביז'ן טויט. —

אַזוינע פאַרמאָגסטו, מיין טייערע, אויגן,
נאָך שענער דיין פּנים איז שטענדיק פון זיי,
מיט גאָלדענע ברעמען און וויעס פאַרצויגן,
איך ליב דיך אויף אייביק, איך ליב דיך פאַר זיי!

דר. מ. ראַבינס

על מות ביאַליק

(אַ בלום אויף זיין קבר)

צו שוואַך איר זיינט איצט ווערטער!
דער פארלוסט איז זייער גרויס.
ווער וואַגט מיך פרואוון טרייסטן?
אַ פּראָטעסט איך שריי איצט אויס!

איך פּראָטעסטיר געגן די הימלען!
געגן גאָט! געגן נאַטור!
פאַרוואָס קומט אונז אַזוי ליידן?
גיט אַן ענטפער! מאַכט עס קלאָר!

אָט באַשאַפט איר זיך אַ מענטשן,
אָן אַ ציל און אָן אַ זין...
און אָט רויבט איר צו זיין לעבן,
אָן אַ חשבון, אָן אַ דין!

זאָגט ווער בעט פון אייך דאָס אַלעס
אויף וואָס טויג דער גאַנצער לעבן,
אַז נאָך איידער וואָס, ווער, עפּעס,
רייסט איר איבער אונזער שטרעבן?...

איר זיינט גרויזאַם! איר זיינט האַרצלאָז!
אַ דערקלערונג פאָדער איך!
מאַכט אַ סוף צו אַזאַ פירונג!...
וואָס, איר קענט ניט?... שעמט זשע זיך!...

אַכט און פערציק

צאתכם לשלום

מיינע שוויגער־עלטערן אַ מתנה — צו זייער
צוריקפאָרן קיין אייראָפּע.

וואָס, ווידער שוין פאָרן?
ווידער אין וועג מיטן שטעקן אין האַנט?
ווידער פאַרגיין זיך יאָרן נאָך יאָרן —
און איר אַלץ איר פאָרט, איבער שטאָט, איבער לאַנד!

ווידער פיל טעג צווישן וואַסער און הימל,
מ'זעט ניט קיין ליכטל, מ'זעט ניט קיין לעבן,
ווייט פון אַ ברעג . . . קיין צווייגל, קיין בלימל,
כ'וואָלט שווערן אַז „וואַנדערן" איז אייער שטרעבן . . .

גייען פיל טעג אַזוי לאַנגזאַם פאַרביי,
רעש'ן די כוואַליעס, נאָך שטאַרקער דער ווינט,
אָט שיינט די זון און אָט שוין אויפסנייַ
לויפן די כוואַליעס און טראָגן געשווינד.

ביז ווען מיינע ליבע, אַזוי וועט איהר וואַנדערן?
גענוג שוין אַרומשלעפּן זיך אויף דער וועלט.
גענוג שוין צו בייטן איין פּלאַץ אויף אַ אַנדערן,
שטעלט שוין אויף שטענדיק אַוועק אייער געלט.

צאתכם לשלום! פאָרט מיט גליק!
וואַרפט אייער שטעקן אין ים אַריין איצט!
צעברעכט אַלע קאַסטנס, צערייסט אַלע שטריק —
איר פאָרט שוין ניט מערער — איר פאָרט בלויז צוריק!

נײַן און פערציק

דר. מ. ראַבינס

מענדל בייליס

מיין ערשטע פּאָעמע, געשריבן אין באַלטע,
פּאָדאָליער גובערניע, דעם 20טן יאַנואַר,
.1914

ווער עס האָט ווען אַ צייטונג געלייענט,
מסתמא, ווי איך, אויך געגוג האָט געוויינט,
וואָס צוויי און האַלב יאָר אין אַ קאַנורע,
איז בייליס געוועזן די אידן־כפּרה.

אָן ערלעכן מענטשן, אין תפיסה געזעצט,
אָן שום רחמנות, אים גאָרנישט געשעצט.
מ'האָט דאָרט געפּייניקט זיין גוף און זיין מח,
מ'האָט רואינירט דאָרט, זיין שטאָלץ און זיין כח!

ניט צוגעלאָזט צו אים קיין ווייב און קיין קינד,
פון צרות געוואָרן איז ער דאָרטן בלינד.
די שונאים, זיי האָבן געזוכט אַ נקמה,
פאַרניכטן זיי האָבן געוואָלט זיין נשמה.

דער אָרימער בייליס, פון צופיל דאָרט טראַכטן,
אַלץ מערער און מערער דאַן פלעגט זיך אים דאַכטן,
אַז קיינמאָל וועט ער שוין ניט זען די וועלט,
אַ גרויזאַמער טויט האָט זיך אים פאָרגעשטעלט.

נאָר גאָט האָט זיין תפילה צום סוף דאָך דערהערט,
און האָט זיינע שונאים צעשמעטערט, צעשטערט:
ער האָט אים אין צייט אַ ישועה געבראַכט,
און בייליס, די שונאים, אין פנים איצט לאַכט.

פופציק

לידער

יאָ, ביילים איז איצט שוין אַ מענטש גאָר אַ פרייער,
און כאָטש זיין געזונט האָט דעם ווערט פון אַ דרייער,
אָבי אָבער גאָט האָט אים לעבן געשענקט —
ער האָט נאָך זיין היים, זיין פאַמיליע געבענקט.

ביים אייגענעם טיש, מיט זיין ווייבל און קינדער,
זיצט ער אַצינד, כאָטש אפילו אַ בלינדער,
דאָס חיות פון פריהייט זיין האַרץ וועט גיך היילן,
ער וועט איצט די צרות אין פריידן דערציילן.

מ׳שיקט אים פרעזענטן, אויך געלט און אויך בלומען,
באַקומען האָט ביילים אַ גאַנץ גרויסן נאָמען,
אמת, עס האָט אים געקאָסט זייער טייער,
ער איז אָבער איצט דאָך אַ מענטש שוין אַ פרייער!

און דאָרט אין דער שיינער און גרויסער שטאָט קיעוו,
פאַר בייליסעס צרות וואָס איז דאָך דער חיוב,
אַנטלויפן די אידן, צעפאָרן זיך שנעל,
און מאַכן פון זייער פאַרמעגן אַ תל.

ניטאָ דאָרט קיין איד איצט, כאָטש גיט ווער אַ רענדל;
אַנטלאָפן פון קיעוו איז אויך ביילים מענדל;
די אידישע שונאים, זיי שווייגן ניט, ניין —
אויף נייע בלבולים, זיי שאַרפן די ציין.

און טאָמער ניט קיעוו, איז פאַסטאָוו אויך גוט,
מ׳האָט דאָרט פאַרקאָכט שוין אַ בלבול פון „בלוט",
נאָך דעם וואָס מיר האָבן באַוויזן גאַנץ מוטיק,
די שונאי ישראל, גאָר זיינען עס בלוטיק . . .

איין און פופציק

דר. מ. ראבינס

רבונו של עולם, נאך וואס אט די צרות?
ווי לאנג נאך מיט אונדז וועסטו שלאגן כפרות?
דען ווינציק געבראכט האבן מיר דיר קרבנות?
ווען וועסטו שוין, גאטעניו, האבען רחמנות?

מיר האבן גענוג שוין געגעבן מארטירער!
מאך שוין אן ענדע, און באוויז — ביזט א פירער!
זאל נעמען א סוף צו דער פינסטערער נאכט . . .
באשיץ „דיינע קינדער"! באוויז שוין דיין מאכט!

צוויי און פופציק

סאַטירע

אַלץ הייסט גערעדט

(געווידמעט וועמען איהר ווילט)

וואו א מיטינג, אַ באַנקעטל,
רעדט ער דאָרטן איבעראַל,
ביי אַ קאָנפערענץ, אַ שמחה
און צו יעדן פאַל.

ער איז אַ רעדנער, אַ בעל דרשן,
רעדט פאַר פייער, „קנאַק" און „פּראַל",
ער רעדט אויף אידיש און אויף ענגליש . . .
און ער דרשנ'ט פאַרן כלל.

עס מאַכט ניט אויס אויף וואָסער טעמע,
ער האָט פון „וויסנשאַפט" אַ קוואַל
לוינט איהם, איז ער ציוניסטיש,
אַלאַ ניט — איז ראַדיקאַל . . .

לוינט איהם איז ער אַטאַאיסטיש,
לאַכט זיך אויס פון גאָט אַליין,
מאָרגן — ווערט ער מזרח'יסטיש,
עס ווענדט זיך בלויז נאָר ווי ער פילט . . .

און דער עולם לעקט די פינגער
בלייבט צופרידן מיט זיין „שפּראַך",
ווייל ביי אידן זיין אַ רעדנער —
איז דאָך גאָר אַ גרינגע זאַך.

דר. מ. ראַבינאָ

מ'דאַרף האָבן בלויז אַ שטימע,
שרייען, גוואַלדעווען גאַנץ הויך
און דער „עולם" קלאַפּט און פּליעסקעט
און די „פּרעסע" אַפילו אויך.

דאַרום איז ער אויך אַ „רעדנער"
גלויבט מיר אויף מיין ערן וואָרט,
ווייל מבינים האָט איר ווייניק,
אָבער „קלאַפּערס" — דאַנקען גאָט.

זעקס און פופציק

דר. מ. ראַבינס

אַ קלאַגע

איך ברענג אריין אַ שווערע קלאַגע
נעגן זיך, צו זיך אַליין,
און איך פרעג אַן אַלטע פראַגע,
איך קען דאָס קיינמאָל ניט פאַרשטיין. —

לוינט זיך דען דאָס גאַנצע לעבן,
נאָר כדי, אַז יעדעס מאָל,
זאָל אַ מענטש אַליץ מערער שטרעבן —
עסן, עסן, אַן אַ צאָל?

לוינט זיך דען נאָר צוליב „עסן",
זיך פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט,
גרייט זיין אַלעס שיינס פאַרגעסן,
ניט אנטשיידן גוט פון שלעכט?

מיט וואָס קען איך אונטערשיידן,
„מענטש" פון חיות, וואָס זיי אויך
זיינען בלויז נאָר דאַן צופרידן,
ווען עס גרוימט זיי ניט אין בויך?

ווער קען ענטפערן מיין קלאַגע?
איך פון טראַכטן בין שוין מיד.
און עס בלייבט די אַלטע פראַגע:
צי עס לוינט דער אונטערשיד? . . .

דר. מ. ראַבינס

אַ פּעלץ מיט אַ פּאָר שטיוול

ראש השנה, אויפן הימל
טוט זיך דאָרט אַ גרויסער טומל,
גאָט, ברוך הוא, זיצט אויף זיין שטול
און אַרום אים מלאכים פיל.

די „ביכער" עפנט מען פאַר גאָט,
מ'קוקט זיי דורך וואָרט ביי וואָרט,
יעדערער ווערט פאַרגעבראַכט,
און פון „בית־דין" גוט באַטראַכט.

נאָר פונקט ווי „דאָ", אַזוי אויך „דאָרט"
פאַרנעמט דער גביר דאָס ערשטע אָרט . . .
און פאַר דעם בית־דין ברענגט מען גלייך,
אַ „שלעכטן מענטשן", דאָך, זייער רייך . . .

דער קטגור שטעלט זיך גלייך אַרויס,
מיט אותות ומופתים ווייזט ער אויס
דער גביר: „איז קאַרג און שלעכט ביז גאָר,
ניט קיין נדבה, אויף אַ האָר.

ער טוט אַ סך שלעכטס אויף דער וועלט,
פון רויבעריי . . . האָט ער זיין געלט,
ער פאַדערט אים באַשטראָפן שווער,
ער זאָל ניט קריגן אַ גראָשן מער.

די מענות הערט גאָט אויס און זאָגט:
„וויפיל געלט האָט דער „גביר" פאַרמאָגט ?"

אַכט און פופציק

„צוויי הונדערט טויזנט", האָט אַ קול אויסגעברומט.
„פֿאַרשרייבט אים דאָס זעלבע", האָט גאָט ברוך הוא באַשטימט.

דער צווייטער צום חשבון איז אַן אַלט־נײַער עושר,
ער האָט שוין אין זיך אַביסעלע יושר,
ער גיט אַ נדבה, און פּײַנט זיך שוין אויס,
ער איז דאָך אַליין ערשט פֿון „קבצן" אַרויס!

אויך אים דער קטגור באַשולדיגט גאַנץ פֿײַן:
„ער וואָלט דאָך געדאַרפֿט אַ גאַנץ אַנדערער זײַן!
באַ'גזל'ט אַ יתום, באַרויבט אַן אַלמנה:
צי קומט אים דען, גאָטעניו, אויך אַ מתּנה?

לאַנג האָט דער בית אויף דעם זיך פֿאַרטראַכט,
און דעם פּסק־דין אַזוי אָפּגעמאַכט:
„ווײַבאַלד ער פֿאַרמאָגט שוין אַ סומע מיט געלט,
זאָל ער שוין ווײַטער געניסן די וועלט . . .

אָט ברענגט מען אַ קבצן אַרײַן דאָ צום דריטן;
ער האָט אין זײַן לעבן שוין זייער פֿיל געליטן.
איז גלײַך דער סנגור פֿון פּלאַץ אויפֿגעשטאַנען,
און בעט זיך אין קבצן אַמאָל שוין דערמאָנען . . .

מ'הייסט גלײַך אַ זוך טאָן זײַן חשבון אויף גיך:
„וואָס האָט ער לעצט יאָר דען געבעטן פֿאַר זיך?"
„אַ פּעלץ מיט אַ פּאָר שטיוול", האָט אַ קול אויסגעברומט,
„פֿאַרשרייבט אים דאָס זעלבע", האָט דער בית דין באַשטימט.

דר. מ. ראַבינס

באַלטע

(כמעט אַ סאַטירע)

אַ מתנה מיין געבורטס־שטאָט

ניט ווייט פון אָדעס, און אויך ניט פון בענדער,
איר פּאָרט בלויז אַ ביסעלע, אהין און אהער —
געפינט איר אַ שטאָט, אַ גרויסע, אַן אַלטע —
איר נאָמען פון דורות, ניט אַנדערש, נאָר באַלטע.

בלאָטעס זיינען דאָרטן פאַראַן אָן אַ צאָל,
וואָס טריקענען קיינמאָל ניט אויס — פון אַמאָל,
איר זעט דאָרטן אידן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס,
וואָס זינקען . . . ביז איבער די קני אין די בלאָטעס.

די ווייבער דאָרט טראָגן אַלט־מאָדישע קליידער,
באַרעדן די שכנים און פּלאַפּלען כסדר,
פאַרשווענדן אַ האַלבן טאָג, פרייטיק, אין מאַרק —
האַנדלען מציאות און דינגען זיך שטאַרק.

פאַראַנען אין באַלטע אַ סך פיינע מיידלעך . . .
וואָס גייען אַרום אין קאָליר־רייכע קליידלעך,
וואָס זיצן און וואַרטן — „וואו נעמט מען חתנים?"
פאַרזיצן זיי טאַקע, ניטאָ קיין בעלנים . . .

די אינגלעך אין באַלטע ,אויך זיי ווען איר קענט,
אַלע פאַרמאָגן זיי „ליימענע הענט".
זיי דענקען זיי זיינען גרויס־שטעטישע יונגען,
ווילען זיך, שטעכן זיך, „שפּיציקע צונגען".

זעכציק

און באַלטער „נגידים”, די גאָר גרויסע לייט . . .
ראַבעווען ווילן צו יעטוועדער צייט.
לויפן אין שול אריין, דאַווענען, בענטשן,
און האַלטן זיך שטענדיק פאַר לייטישע מענטשן . . .

באַלטע ,איך זאָג אייך, איז פשוט א כרך!
פאַרמאָגט פיל אביונים, קבצנים א סך.
פאַראַן א בית־עולם . . . און מקוות א פאָר,
כמעט א „סטאַליצע”, עס זאָל פעלן א האָר!

יום טובדיקס

חנוכה

איך געדענקט, ווען כ'בין נאָך געווען בלויז א קינד,
ווי נעמט די גליקלעכע צייטן אצינד,
גאַנץ חנוכה פלעגן, מיר קינדער, זיך פרייען —
א קלייניקייט: אכט טאָג אין חדר ניט גיין!

דער רבי געלאָזט האָט אונדז פרי פונם חדר,
עס איז ערב יום טוב און ניט ווי כסדר,
מיר האָבן געפרייט זיך, געשפילט און געקוועלט —
ארויסגעקוקט שטאַרק אויפן חנוכה־געלט.

דער טאַטע פלעגט קומען אהיים פון דער שול,
און צינדן א ליכטל,ביים וואַנט, אויף א שטול,
פלעגט נעמען דעם „שמש", אים האַלטן אין האַנט,
און אומקערן זיך מיטן פנים צום וואַנט.

פלעגט מאַכן די ברכות און בלייבן פאַרטראַכט . . .
און גלייך פון דעם „נס" אונז דערציילן מיט פּראַכט,
און מיר מיט כונה, געהערט און געקוועלט,
און טאַקע באַלד קריגן דאָס „חנוכה־געלט".

גאַנץ יום טוב געשפילט סיי אין קוויטלעך, אין דריידלעך,
די מאַמע, געמאַכט האָט אונדז יעדן טאָג קניידלעך.
ווער האָט דעם „חדר" אינזינען געהאַט?
פאַרשפילט, צי געוואונען — ס'האָט אסור געשאַדט!

אזוי פלעגט פאַרבייגיין דער יום טוב מיט פרייד,
פון רבין און ספר אינגאַנצן צעשיידט,

דר. מ. ראַבינס

און באַלד פלעגט מען ווידער שוין גיין אין חדר,
און כאַפּן די „פּעטש" פון דעם רבי'ן כסדר . . .

וואו נעמט מען די גליקלעכע צייטן אַצינד?
פון וואָס ווייסט דען איצט בא אונדז אידן א קינד?
פארשטייען זיי דען דעם געשמאקן געפיל?
נאָך אייך, קינדער יאָרן, איך בענק אַזויפיל . . .

שמחת תורה
(פּאַראָדיע)

קינדער, מיר האָבן היינט שמחת תורה!
שמחת תורה אויף דער גאַנצער וועלט,
לאָמיר זאָגן אַ ביסעלע „תורה״,
אַזוי ווי דער רבי האָט געקנעלט.

אוי, אוי, אָט אַזוי,
זאָגט זשע, קינדער, אָט אַזוי,
לאָמיר אַלע פריילעך זיין,
לאָמיר טרינקען וויין.

שמחת תורה דאַרף מען גיסן,
וויין און בראַנפן אָן אַ צאָל,
פון יעדן מין דריי מאָל געניסן,
און נאָך די דריי, ערשט נאָך איין מאָל.
אוי, אוי, אָט אַזוי . . .

לאָמיר בעטן פון אונזער גאָט,
ביי אַ גלעזל גוטן וויין,
אַז דער „זכות״ פון זיידן לוט,
זאָל אויף אונז מגין זיין.
אוי, אוי, אָט אַזוי . . .

לאָמיר אַלע טאַנצן, שפּרינגען,
מיט דער כוסה אין דער האַנט,
צו דעם בורא שבחים זינגען —
ער זאָל אונז ברענגען אין אונזער לאַנד!
אוי, אוי, אָט אַזוי . . .

דר. מ. ראַבינס

מאַכט זשע, קינדער, נאָך אַ לחיים,
ווייל עס איז די צייט אַ שאָד.
לשנה הבאה בירושלים,
אין דעם זכות פון קרן היסוד.
אוי, אוי, אָט אָזוי . . .

פורים

(כמעט אַ פּאָעמע,
לויט דעם מדרש
און מגילת אסתר)

ווען עס קומט דער יום־טוב פּורים,
טאַנצן מיר און זינגען שירים,
עסן פלאָדן, זיסע זאַכן,
און מיר פרייען זיך און לאַכן.

ווען דער חזן לייענט די מגילה,
ווערן מיר אַלע מלא גדולה,
עס דערמאָנט אונדז פון אַמאָל,
אונדזער פרייד איז אָן אַ צאָל.

אָט די פרייד וויל איך באַשרייבן,
אום דעם אומעט צו פאַרטרייבן,
אויב עס וועט מיר נאָר געלונגען,
מיט אַ „שיר" דאָס צו באַזינגען.

ס'איז געווען אַ פאָלק — עמלק,
שלעכט און גרויזאַם, פּונקט ווי בלק,
אידן פלעגן זיי דערקוטשן,
ווען נאָר מעגלעך זייער מוטשען.

אָט פאַרלאָזן מיר מצרים,
אויף דעם וועג קיין ירושלים
האָט עמלק אונדז געשטערט,
ס'איז אַזוי געווען באַשערט . . .

דר. מ. ראַבינס

קוים געקומען אין אונדזער לאַנד,
זיך באַפרייט פון גלות־שאַנד,
האָט דיין גאָט, ברוך הוא, געשוואוירן
עמלק'ס „זינד", זאָל ניט פאַרלוירן.

שאול ווערט דאָן ביי אונדז מלך
און מיר אידן זיינען פריילעך,
גאָט, דעם נביא, הייסט דערקלערן
ער וויל עמלק'ן צעשטערן.

דער נביא גיט דעם קעניג מאַכט,
און זאָגט אים: „שאול, גיי אין שלאַכט,
לאָז פון זיי ניט איבער קיינעם,
ברענג זיי אַלע אום, ביז איינעם".

שאול אָבער, אים ניט הערט,
און ער טוט גאָר פונקט פאַרקערט,
ער לאָזט ניט איבער פון זיי קיינעם,
נאָר ער שאַנעוועט בלויז איינעם.

דעם קעניג אגג און משפחה
גיט בלויז שאול א הנחה,
דעם נביא'ס ווילן ניט דערפילט,
און זיין קעניגרייך פאַרשפילט.

גאָט האָט שאול'ן פאַרטריבן,
עלנט איז ער דאָן געבליבן,
דעם קעניג אגג הרג'עט שמואל
און עס זיגט דאָס פאָלק ישראל.

זיבעציק

צו שפּעט האָט אָבער דאָס געטראָפן,
אגג׳ס קרובים שוין אַנטלאָפן,
געלאָזט האָט ער נאָך זיך אַ נאָמען,
און פון אים אַרויס קומט המן.

דער מדרש זאָגט דאָס אונדז אַזוי,
און ס׳איז ריכטיק גאַנץ גענוי,
ווייל „עמלק״ פון אַמאָל
איז געווען אַ שונא ישראל.

און אחשורוש מלך קיש,
כאַטש אַ שטילער ווי אַ פיש,
וואָלט געפירט זיך ווי ביי לייטן,
ווען מ׳זאָל אויף אים ניט רייטן . . .

זיין יועץ המן איז געווען,
ווי ער וויל טוט ער אַליין,
קיין דערלויבניש ער פרעגט,
ער האָט אַלץ דאָך געמעגט.

ער טראָגט אַרום אויף אונדז אַ שנאה,
און אין יעדן פון אונדז קנאה,
פאַר זיין זיידנ׳ס בלוט־נחמה,
געזוכט האָט ער אין אונדז נקמה.

די מלכה ושתי איז אַ שיינע,
אַן אַנטיסעמיטין ניט קיין קליינע,
פאַר אונדז אידן זייער אַ שלעכטע,
קריגט זי גלייך אַ שטראָף אַ רעכטע.

דר. מ. ראַבינס

דער קעניג שיכור ווערט פון וויין,
ער זעט שוין קוים פאַר זיך די שיין,
באַפעלט ער ושתי׳ן ברענגען גיך,
מוטער־נאַקעט און אָן שיך.

ושתי וויל גאָר דאָס ניט הערן,
הייסט די קנעכט זי ניט צו שטערן,
„באַווייזן זיך אין הוילער הויט,
איז בעסער שוין דער ערגסטער טויט״.

מ׳האָט דעם קעניג דאָס דערציילט,
און אחשורוש גלייך באַפעלט,
מ׳זאָל דעם קאָפּ איר אַראָפּנעמען,
געוואַגט האָט זי אים צו פאַרשעמען.

וואָכן גייען ביי אַ פּאָר,
באַפעלט דער קעניג און מאַכט דאָס קלאָר,
מ׳זאָל פיל מיידלעך פאַר אים ברענגען,
און ווער עס פאָלגט ניט, זאָל מען הענגען.

מ׳האָט מיידלעך טויזנטער געבראַכט,
איין קוק אויף אסתר — און ניט געטראַכט,
ער מאַכט זי מלכה און קריגט זי ליב,
און אסתר ערשט גלייך אין זיין שטוב.

אַלס קינד וואַקסט אסתר אין מרדכי׳ס הויז,
אסתר׳ס ער איז אַ געשוועסטער־קינד בלויז,
מרדכי דערציט זי אין ליבע צו גאָט
זי שעצט זיך אַלס אידין, זי היט „זיין״ געבאָט.

צוויי און זיבעציק

און אסתר כדי זיך מיט מרדכי'ן צו זען,
פלעג טעגלעך שפּאַצירן אין הויף אַריין גיין,
מרדכי פלעגט שטענדיק איר דרשנ'ען, בעטן —
זי זאָל אין קיין שלעכטע דרכים ניט טרעטן.

זי זאָל ניט פאַרגעסן אין אידישן גלויבן
איצט, אַז זי איז צו אַ „מלכה" דערהויבן,
גערענקען אַז דאָס איז אַ נס בלויז געשען,
און ווען ניט גאָט'ס ווילן, וואָלט אַנדערש געווען.

איינמאָל, ווען מרדכי דערוואַרט זי ווי טעגלעך,
און אָפּט, אַז זיין אסתר וועט קומען, אויב מעגלעך,
רעדן צוויי קנעכט און באַשליסן ביי זיך,
זיי זאָלן דעם קעניג פאַר'סמ'ען וואָס גיך.

מרדכי פאַרשטאַנען ער האָט זייער שפּראַך,
באַגריפט ער דעם ענין און טראַכט ניט קיין סך,
און אַלס פּאַטריאָט שנעל טוט ער זיין רעכט,
באַשליסט צו אַנטפּלעקן דעם פּלאַן פון די קנעכט.

אסתר'ן טרעפט ער דעם זעלבן פאַרנאַכט,
דערציילט איר דעם פּלאַן, וואָס זיי האָבן פאַרטראַכט,
זי האָט דעם ענין צום קעניג באַפעלט,
און טאַקע אַז מרדכי האָט איר דאָס דערציילט.

מ'האָט אונטערזוכט און געפונען גענוי,
אַז מרדכי'ס דערקלערונג איז ריכטיק אַזוי,
דער קעניג באַשטראָפט גלייך די אומטרייע קנעכט,
מ'האָט זיי די קעפּ אָפּ און טאַקע מיט רעכט.

דר. מ. ראַבינס

דער קעניג, אום מרדכי׳ן באַדאַנקען און בענטשן,
פאַרשרייבט דאָס אין פנקס, דערציילט דאָס פאַר מענטשן,
המנ׳ען טאַקע איז דאָס ניט געפעלן,
ער מוז אָבער „נעבעך״ אומווילנדיק קוועלן.

מרדכי פלעגט קיינמאָל זיך המנ׳ען בוקן,
המן דערפאַר פלעגט אין כעס זיין מסוכן,
ער פלעגט פאַר פאַרדרוס אַזש ניט עסן, ניט שלאָפן,
שטענדיק בלויז טראַכטן ווי מרדכי׳ן באַשטראָפן.

איינמאָל איז המן צו גאַסט ביי דעם מלך,
און זייענדיק ביידע גאַנץ לוסטיק און פריילעך,
בעט ער ביים קעניג, ער זאָל אים דערלויבן
פאַרניכטן אונדז אידן, אונדז אַלע באַרויבן.

דער קעניג באַוויליקט און בלייבט אויך צופרידן,
פונקט אויך ווי המן ניט ליב האָט ער אידן.
המן איז פריילך, ער טאַנצט און ער קוועלט,
ער וועט דאָך אויך מרדכי׳ן פאַרניכטן פון וועלט!

מרדכי׳ן פאַרטראַכט ער גאָר פשוט צו הענגען,
און אויך אַלע אידן ביז איינעם אומברענגען.
ער טראָגט דאָך אויף אונדז גאָר אַ גאַנץ אַלטע שנאה
און איצט נאָך אין מרדכי׳ן ער האָט דאָך גרויס קנאה.

און המן צעשיקט אומעטום שנעל פּאַפּירן,
ווער אידן עס שלאָגט ניט, דעם וועט ער שטראָפירן.
ווי נאָר דער באַפעל איז דאָן בלויז אָנגעקומען,
אין טייכן פון טרערן האָבן אידן געשוואומען.

פיר און זיבעציק

לידער

ס׳איז פאר אונדז אידן געווען דאן א קלאג,
מיר האבן אין תפילות פארבראכט נאכט און טאג,
גאט ברוך הוא האט די תפילות דערהערט,
און האט המנ׳ס פלענער צעשמעטערט, צעשטערט.

ער האט א ישועה אונדז אידן געבראכט,
דער איד, זיינע שונאים, אין פנים איצט לאכט,
המן געזוכט האט אין אונדז א נקמה,
צום סוף האט אונדז גאט גאר געבראכט א נחמה.

און מרדכי איז גרייט איצט דעם שונא אומברענגען,
המן געוואלט האט דאך מרדכי׳ן אויפהענגען,
דער שונא־ישראל, דערלעבט האט א זכויה
צו הענגען גאנץ הויך אויף זיין אייגענער תליה.

דעם קעניג פארווילט זיך דעם פנקס צו לייענען,
די אידן פאר צרות זיי פאסטן און וויינען,
דערמאנט זיך דער קעניג אין מרדכי׳ס אנטדעקונג
און אידן דערזען פאר זיך גאט׳ס אנטפלעקונג.

דער קעניג מאכט מרדכי׳ן פאר שני למלך,
די אידן פון הודו און כוש זיינען פריילעך,
המן ארונטער און מרדכי ארויף,
ער קריגט, ווי עמלק, א גאנץ שווארצן סוף.

און אום צו געדענקען די אלע יסורים,
פראווען מיר אידן א יום־טוב, א פורים,
מ׳לייענט די מגילה, מ׳טרינקט און מ׳עסט,
אין נס פון אמאל קיין שום איד ניט פארגעסט.

פינף און זיבעציק

דר. מ. ראבינס

און ווען ניט דער המן מיט זיינע צען בנים,
וואס וואלט דער פורים ג׳האט פאר א פנים?
לאנג לעבט אחשורוש מיט זיינע שררים,
ווייל אויך צוליב זיי האבן אידן א פורים.

אמת, עס פעלט ניט קיין המן׳ס ביי אידן,
די שונאים מיט אונדז זיינען קיינמאל צופרידן,
אונדז אבער פעלט נאך ימים־טובים א פאר,
און טאקע נאך היטלערן, היינטיקס יאר.

זעקס און זיבעציק

בילדלעך

פאַלענדע בלעטער

פאַלן בלעטער פון די ביימער —
אַט געווען ערשט פול מיט לעבן,
אַנגעפילט די לופט מיט ריחות,
און אַ „בילד" דער גאַס געגעבן.

בלעטער גרויסע, בלעטער קליינע,
אַלע גרין און שמעקן זיס —
מיטאַמאָל גאָר געל געוואָרן,
וואַלגערן זיך ביי די פיס,

אָפּגעשלאָגענע הושענות . . .
יעדער טרעט זיי, עלנט, שוצלאָז,
נעכטן אַזוי שטאָלץ געווען
היינט שוין איבעריק און נוצלאָז.

בלאָזט אַ ווינטל און פאַרטראָגט זיי,
לאָזט זיי גאָרניט רואיק בלייבן,
וואָלטן שוין אַזוי דאָ . . . ליגן —
האַלט דער ווינט זיי אין איין טרייבן.

ביז פאַרדאַרט זיי ווערן אַלע,
שוין אומעגלעך צו דערקענען,
נעמט מען זיי צונויף איינינעם,
און מ'פירט זיי גיך פאַרברענען.

און די ביימער נאַקעט שטייען,
ציטערן פון ווינט און קעלט,

דר. מ. ראַבינאַ

און אין האַרצן אַזאַ „אומעט" —
איינזאַם קוקט איצט אויס די וועלט.

עפּעס פאַלט אויף מיר אַ מורא,
כאָטש איך וויל ניט קלערן, זאָרגן.
אַלץ קוקט אויס מיר אַזוי עלנט,
און איך שרעק זיך פאַרן מאָרגן.

און דער מאָרגן — אַזאַ גרויער:
פינצטער, קאַלט, פון רעגן נאַס!
און די בלעטלעך אַזוי אָרים,
ווי אַ יתום, שטייט די גאַס!

דער מענטשן שטראָם

(אַ בילד אויף וואַשינגטאָן־גאַס
און באָסטאָן, מיטאָג־צייט)

מענטשן־פליגן אין די גאַסן,
ווער עס לויפט און ווער עס גייט:
שוואַרצע, ווייסע, אַלע ראַסן,
אין דער לענג און אין דער ברייט.

שלעפּט אַ מוטער ביי דער האַנט
אַ קינד — עס וויינט און וויל ניט גיין.
רוקט זיך איינער ביי דער וואַנט —
טאַפּנדיק . . . ער קען ניט זען.

אין מיטן וועג אַ קריפּל קריכט,
ווערט צעטראָטן שיעור אין טומל,
טרויעריק איז זיין געזיכט —
צו פאַרשעמט אים האָסטו, הימל!

שטייען וועגלעך: דאָ מיט פרוכט,
דאָרט מיט צאַצקעס, גרינס און בלומען,
לויפט אַ פרוי פאַרשוויצט — זי זוכט
מציאות אין די גרויסע קראָמען.

שטייט אַ בעטלער און זינגט לידער,
שטרעקט אַ האַנט אויס — רירט עס קיינעם.
פייפערייען, אַ גערודער,
עס מישט זיך אַלץ דאָרט אויס אינאיינעם.

דר. מ. ראַבינס

מיטאַמאָל, דו בלייבסט גאָר שטיין,
ווייל דער עולם וויל אַזוי,
הויבט מען ווידער אָן צו גיין,
טראָגט מען דיך אַזוי ווי אַ שטרוי.

אַט כאַפּט מען מיט אַמאָל דיך אונטער
און מ׳נעמט דיך שנעל מיט זיך . . .
און אין סאָבוויי גאָר אַרונטער
שלעפּט דער עולם דיך אויף גיך.

אויסגעדרייט זיך, קוים מיט גליק,
פּרואווסטו גיין דיין שליחות,
נעמט מען דיך אין קאָן צוריק,
פּונקט ווי שדים, פּונקט ווי רוחות.

און אַ מידער, גאָר אָן כח,
לאָזט מען דיך צעטומלט שטיין,
און עס דרייט זיך דיר דער מוח,
האָסט פאַרגעסן וואו ווילסט גיין.

און די מענטשן אין די גאַסן,
ווער עס לויפט און ווער עס גייט,
שווארצע, ווייסע, אַלע ראַסן —
אין דער לענג און אין דער ברייט.

צוויי און אַכציק

אַ מאַמעס האַרץ

(פריי לויט אַ לעגענדע)

באַוויַיז, אַז דו ליבסט מיך!
וואָס טויג מיר דיַין זאָגן?
גיי ברענג מיר דאָס האַרץ
פון דיַין מאַמען צוטראָגן!

אַזוי האָט געפאָדערט פון אים זיַין געליבטע.
און ער אַזוי ערלעך, ער ליבט דאָך זיי ביידן,
ער קען זיך מיט קיינעם פון זיי ניט צעשיידן.

נאָר שטאַרקער איז ליבע פון אייַזן און שטאָל!
איַילנדיק לויפט ער, עס טריַיבט אים זיַין נויט,
ער טראָגט דאָך דאָס „האַרץ" —
זיַין מאַמען געטויט.

לויפנדיק, פאַלט ער,
עס פאַלט אויך דאָס „האַרץ",
ער בליַיבט ווי פאַרשטיינערט — אַ קענטלעכע שטומע —
„האָסט זיך אַ קלאַפּ געטאָן, קינד מיַינס, נשמה?"

איבערזעצונגען

ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט

איבערזעצט פון ביאַליק

ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט,
אַליין גיי איך מיר פאַרטראַכט.
ניט אויף באַרג און ניט אין טאָל,
שטייט אַ דעמב נאָך פון אַמאָל.

און „חידות" טייטשט דער דעמב אויס,
און זאָגט וואָס וועט זיין פאָרויס,
דעם דעמב פרעג איך צוויי ווערטער:
ווער און וואָס איז מיין באַשערטער?

פון וואַנען קומט ער, ביטע —
פון פוילן, צו פון ליטע?
וועט ער קומען מיט אַ וואָגן,
און זיין פעקל מיט זיך טראָגן?

און וואָס ברענגט ער מיר פרעזענטן:
שיינע פערל, צי דימענטן?
און ווי זעט ער אויס — אַ שיינער?
ניט קיין אַלמן — אַ יונג מיט ביינער!

טאָמער איז ער אַלט, זאָג גיכער,
דאַן וויל איך אים ניט פאַר זיכער.
איך זאָג מיין פאָטער: ממית מיך,
אַבי קיין אַלטן . . . בעט איך דיך,
איך וועל קושן זיינע טריט,
נאָר קיין אַלטן וויל איך ניט!

דר. מ. ראַבינס

דעמבאָווע בלעטל

נאָך לערמאָנטאָוו

פון אַ דעמב האָט זיך אַ בלעטל אָפּגעשלאָגן,
דער בייזער ווינט האָט דאָס לאַנג געטראָגן,
ס'איז געוואָרן פאַרטריקנט, צו דערקענען שווער,
ביז ס'איז געקומען צום שוואַרצן מער.

דאָרט איז אַ יונגער בוים געשטאַנען,
שעה'ן געוואַקסן, ווי נאָך פּלאַנען . . .
אויף אים זיינען געזעסן פייגל פון גן־עדן,
מיטן בוים פלעגן זיי זיך גאָר קיינמאָל ניט שיידן.

צו דעם בוים האָט זיך דער נע־ונד'ניק צוגערוקט,
די צרות אין זיך אויף אַ ווילע דערשטיקט,
און צו אים אַזוי געזאָגט: „איך בין איצט פאַרדאַרט,
נאָר איך בין אויך געוואַקסן אויף אַ בוים, דיק און אַרט.

איצט טראָגט עס מיך אַרום שוין לאַנג אויף דער וועלט,
איך בין פאַרטריקנט, איך לייד הונגער און קעלט,
נעם מיך אַריין צווישן דיינע בלעטער, די ריינע,
איך קען דיר דערציילן אַ סך מעשיות שיינע" . . .

„נאָך וואָס דאַרף איך דיך", ענטפערט דער בוים,
דו ביזט פאַרדאַרט, פאַרגעלט און זשיפּעסט קוים,
דו קענסט אַ סך מעשיות — גוט איז דיר,
איך וויל דיך ניט האָבן, דו טויגסט ניט פאַר מיר.

אַכט און אַכציק

גיי ווייטער פון דאַנען, גיי ווייטער פון מיר,
די זון האָט מיך ליב, איך בלײַ צוליב איר,
מיינע בלעטער זיינען גרין, מיינע צווייגן זיינען גרויס,
ווייל דער קאַלטער ים וואַשט מיך שטענדיק אויס!״

דר. מ. ראַבינס

אַ מלאך

(פריי נאָך רוסיש)

ביינאַכט איז אַ מלאך געפלויגן — געזונגען
זייער אַ שיין ליד; זיין קול האָט געקלונגען,
די לבנה, די שטערן, די וואָלקנס — אינייִנעם
צוגיהערט האָבן דעם ניגון דעם שיינעם.

באַזונגען ער האָט בלויז די ערלעכע מענטשן,
די — וואָס נאָר שטענדיק דעם „אויבערשטן" בענטשן.
צום מעכטיקן גאָט, זיינע שבחים און לויבן,
אַלץ העכער און העכער זיין שטימע ג'הויבן.

ער האָט אין די הענט אַ נשמה ג'האַלטן,
צום זינדיקן „וועלטל", פון הימל פאַרשאָלטן,
ער טראָגט זי אַרום, אין „חלומות" זי שוועבט —
זי ווייסט פון קיין שלעכטס ניט — צום לעבן זי שטרעבט.

לאַנג האָט די נשמה אויף דער ערד דאָ פאַרבראַכט,
פאַרזוכט פון „גוט לעבן", זיך קיינמאָל געשמאַכט,
קיין נויט ניט געליטן, דערגרייכט די פאַרלאַנגען,
דאָך האָבן געפעלט איר, דעם מלאכ'ס געזאַנגען . . .

ניינציק

מיין פאַרלאַנג

(פריי נאָך רוסיש)

איך האָב ניט מורא פאַרן טויט, אָ, ניין !
איך האָב ניט מורא פון דער וועלט אוועקצוגיין !
איך וויל בלויז — מיין ארבעט זאָל גוט גיין !
און, אז די וועלט זאָל זי אַמאָל דערזען.

דר. מ. ראַבינס

מיין הויז

(נאָך רוסיש)

מיין הויז איז אומעטום, ווי דער הימל שוועבט.
ווי נאָר עס הערט זיך פון זינגען אַ קלאַנג,
ווי נאָר אַ „פונק" פון „לעבן", לעבט,
ווי נאָר אַ דיכטער שאַפט געזאַנג!

אַן עפּיגראַם

(נאָך רוסיש)

פֿאַרשעמען אַ ליגנער, פֿון אַ נאַר ווערטער שלעפּן
און שפּאַרן זיך מיט אַ פּרוי — איז גלייך,
ווי מיט אַ זיפּ וואַסער שעפּן —
גאָט! פֿיר מיך אויס פֿון אַזאַ זאַך!

דר. מ. ראַבינס

אַ פאַרשלאָסענער

(נאָך רוסיש)

איך זיץ אין אַ צימער, אַ קאַלטן, אַ נאַסן,
דער אָדלער — דער זאַטער, אַ פרייער אויף די גאַסן,
ער איז מיין חבר, פון פויגלען דער שענסטער.
ער עסט אויף זיין קרבן דאָ, אונטער מיין פענצטער.

ער עסט, ער וואַרפט אוועק, ער קוקט אַריין אין פענצטער,
מיט זיינע אויגן גלאַנצט ער,
ער רופט, ווי גלייך אָט זאָגט ער שיעור —
„קום, פלי מיט מיר!"

„מיר זיינען פרייע פייגל. — ס'איז שוין צייט, ברודער, צייט!...
אַהין, צו די כמאַרעס, ווייט, ווייט,
אַהין וואו די כוואַליעס לויפן געשווינד,
אַהין וואו מיר שפּאַצירן — איך און דער ווינט".